# חנוכּה-געלט

פֿון שלום עליכם, מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער „פֿאָרווערטס״, ניו-יאָרק, 1944

(איבערגעזעצט אויף כּלל ייִדיש פֿון ד. גורעוויטשן רעדאַקטירט פֿון ד״ר דזשעניפֿער דאַולינגען)

ה.

אונדזער צווייטע סטאַנציע אויף נעמען חנוכּה-געלט איז דער פֿעטער איצי מיט דער מומע דבֿורה, די וואָס דער טאַטע מיט דער מאַמע זײַנען מיט זיי ברוגז שוין פֿון כּמה וכּמה יאָרן. פֿאַר וואָס זיי זײַנען ברוגז — דאָס ווייסן מיר ניט. מיר ווייסן נאָר, אַז דער טאַטע און דער פֿעטער איצי (לייבלעכע ברידער) רעדן ניט צווישן זיך קיינמאָל נישט, כאָטש זיי דאַוונען ביידע אין איין שול און זיצן ביידע אין איין באַנק, אַ שטאָנד נעבן אַ שטאָנד, אַ סטענדער מיט אַ סטענדער. און אַז עס קומט יום-טובֿ צו אויסנעמעניש (הוצאת התּורה) און עס האַלט בײַ פֿאַרקויפֿן עליות, דינגען זיי זיך, ווילן דווקא ביידע איין עליה, שמײַסן איינס דאָס אַנדערע און שמײַסן אַרײַן אין טאָג אַרײַן. אין שול איז דעמאָלט אַ יריד; אַלע רעדן, רירן זיך, שושקען זיך, לאַכן און העלפֿן אונטער דינגען זיך; איטלעכער איז נײַגעריק צו וויסן, פֿאַר וועמען וועט בלײַבן דער „שישי״ אָדער דער „מפֿטיר״. אַז עס גייט אַרײַן אין נצחון, דעמאָלט ווילן אַלע, מע זאָל זיך דינגען ביזן בייז אַרײַן. דער שול-שמשׂ, מעכטשי פֿאָנפֿאַטש מיט די רויטע קאָלטענעס, שטייט אויף דער בימה, העכער האַלב אַריבערגעבויגן, דער טלית איז אים אַראָפּגעפֿאַלן, די יאַרמלקע — פֿון יענער זײַט; ער קוקט אין מזרח-זײַט, אויפֿן טאַטן און אויפֿן פֿעטער איצין, און זינגט אויף זײַן פֿאָנפֿעוואַטער שטימע:

— אַכצן געלדוין אום שישי! צוואַנציק גילדנס אום שישי! צוויי און צוואַנציק גילדנס אום שישי!

דער טאַטע און דער פֿעטער איצי זיצן דער אַהער, דער אַהין, ביידע פֿאַרטיפֿט כּלומרשט איטלעכער אין זײַן חומש; נאָר וויפֿל איינער גיט, גיט דער אַנדערער מער. דער עולם קוועלט, העלפֿט אונטער: דרייסיק, דרײַסיק! פֿינף און דרײַסיק! זיבן און דרײַסיק! פֿערציק, פֿערציק!

מעכטשי פֿאָנפֿאַטש קוקט פֿון איינעם אויפֿן אַנדערן:

— פֿערציק גילדנס אום שישי! צוויי און פֿערציק גילדנס אום שישי! פֿינף אום ן פֿערציק גילדנס אום שישי!

דער טאַטע און דער פֿעטער איצי הערן נישט אויף צו שמײַסן זיך; מע האָט שוין אַרײַנגעשמיסן ביז פֿופֿציק גילדנס. מעכטשי הייבט אויף די הענט און וויל צופּאַטשן פֿאַרן טאַטן:

— פֿופֿציק גי-----לדנסן...

איז זיך מיישבֿ דער פֿעטער איצי און הייבט אויף אַ פֿינגער, און דער גאַנצער עולם העלפֿט אונטער: איין און פֿופֿציק! איין און פֿופֿציק! — און מע שמײַסט ווײַטער. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מע שמײַסט אַרײַן אין

עטלעכע און זעכציק גילדנס (אַזאַ מעשׂה איז נאָך ניט געהערט געוואָרן!) , און „שישי״ בלײַבט פֿאַרן פֿעטער איצין. קומט די „מפֿטיר״, טוט דער טאַטע אַ קוק אויפֿן שמשׂ און אַ מאַך מיאַ דער האַנט, ווי איינער רעדט: „מפֿטיר — דאָס געהערט צו מיר!״... בײַ מעכטשין האָט איר דאָס געפֿועלט; איז אָבער אַ סבֿרא, אַז דער עולם איז ניט מסכּים: דינגען זיך — דאָס מוז מען, דערויף איז דאָס יום-טובֿ, נישטאָ קיין מאַנאָפּאָל, קיין חזקה אויף מפֿטיר!

— צען גילדנס אום מפֿטיר! פֿופֿצן גילדנס אום מפֿטיר! צוואַנציק גילדנס אום מפֿטער! פֿוציק גילדנס אום מפֿטיר!

אַ גוטער שפּרונג! דער טאַטע דרייט אויס דעם קאָפּ: ווער קריכט דאָס אויף זײַן מפֿטיר? און שטעלט אייך פֿאָר, אַז דאָס שמײַסט ווידער דער פֿעטער איצי; ער האָט חשק צו קויפֿן דעם מפֿטיר פֿאַר זײַן יונגערן איידעם. נאָר אי „שישי״, אי ״מפֿטיר״ — אָזאָס! מיט צוויי בײַטשן שמײַסט מען ניט!... דער טאַטע הייבט זיך אויף, טוט אַ ווונק צום שמשׂ.

— הונדערט.

דאָס וואָרט „הונדערט״ לויפֿט דורך איבער דער שול, ווי אַ בליץ מיט אַ דונער. דער גאַנצער עולם איז איבערראַשט, אויסער זיך. אַזוי ווײַט אַרײַנצושמײַסן מפֿטיר — דאָס האָט מען נאָך נישט געזען זינט די שול איז אַ שול.

און מעכטשי פֿאָנפֿאַטש טוט זיך זײַנס, גלײַך ווי געוויינטלעך:

— הונדערט גילדנס אום מפֿטיר! הונדערט גילדנס אום מפֿטיר! הונדערט גי------לדנסן... (ער וויל צופֿאַטשן).

דער פֿעטער איצי הייבט זיך אויף. דער טאַטע טוט אויף אים אַ מאָדנעם קוק, ווי איינער רעדט: „משוגע צי חסר-דעך? ווילסט קוילען? קוילע!״...

דער פֿעטער איצי זעצט זיך אַנידער, און דער מפֿטיר בלײַבט פֿאַר אונדז... פֿונדעסטוועגן, איינס צום אַנדערן געהער זיך ניט אָן. אַז עס קומט אַ שׂמחה, בײַ אונדז אָדער בײַם פֿעטער איציקן, אַ מזל-טובֿ, אַ בן-זכר, אַ ברית, אַ פּדיום- הבן, אַ בר-מיצווה, אַ קנס-מאָל, אַ פֿאָרשפּיל, איין אויפֿרופֿן, אַ חתונה אָדער אַ גט, קומט מען איינס צום אַנדערן, מע באַזעצט זיך אויבער-אָן, מע שענקט „דרשה דעשאַנק״, מי-שברן-געלט״ און מע טאַנצט מיט אַלע מחותּנים אין קאָן.

— אַ גוט מאָרגן אײַך, פֿעטער איצי! אַ גוט מאָרגן אײַך, מומע דבֿורה! — שיסן מיר אויס ביידע מיט אַ מאָל, איך און מײַן ברודער מאָטל, און מע נעמט אונדז אויף פֿאַר זייער אָנגעלייגטע געסט.

— איר מיינט דאָס ניט די הגדה, איר מיינט די פֿאַלירטשיקעס... — מאַכט צו אונדז דער פֿעטער איצי, קנייפּט אונדז אין די בעקלעך, עפֿנט אויף דאָס בײַטעלע און גיט אונדז חנוכּה-געלט, מיר אַ ווײַסן זילבערנעם צוואַנציקער, און מײַן ברודער מאָטלען אַ ווײַסער זילבערנעם צוואַנציקער, און מיר גיין אַוועק פֿון דאָרטן צום פֿעטער ביײניש.